**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/15/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט דאס עפענען אן אפליקאציע פארטעל פאר העמפ-פאַרמער וועלכע זוכן א לייסענס צו מאכן וואקסן קענעביס פאר באניץ דורך ערוואקסענע**

***די ערשטע לייסענסינג מעגליכקייטן פאר ניו יארק׳ס אינדוסטריע פון קענעביס באניץ דורך ערוואקסענע פירט אויף פאראויס די גאווערנער׳ס קאפיטאל-אינוועסטירונג איניציאטיוו***

***שטעלט אוועק ניו יארקער פאַרמער אלס די ערשטע קענעביס באניץ דורך ערוואקסענע אין ניו יארק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס עפענען די וועבזייט-באזירטע אפליקאציע פארטעל פאר העמפ-פאַרמער וועלכע זוכן א פראוויזארישע לייסענס צו מאכן וואקסן קענעביס פאר באניץ דורך ערוואקסענע אין דעם 2022 פלאנצונג סעזאן. דער לייסענס איז ערמעגליכט געווארן דורך א געזעץ וואס דער גאווערנער האט אונטערגעשריבן פאריגע חודש.

״ניו יארק גייט פאראויס אין פולן שוואנג צו שאפן די מערסט אריינגעמיגע קענעביס אינדוסטריע פאר באניץ דורך ערוואקסענע אין דעם לאנד דורך אונזער קאפיטאל-אינוועסטירונג איניציאטיוו,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דער איניציאטיוו וועט שאפן באדייטנדע געלעגנהייטן פאר עקאנאמישע באפולמעכטיגונג פאר ניו יארקער פאַרמער און אפעקטירטע קאמיוניטיס. איצט אז אונזער אפליקאציע פארטעל איז אפן, מוטיג איך יעדע בארעכטיגטע ניו יארקער פאַרמער זיך צו באטייליגן אין דעם פאַרם-צום-פארקויפן פייפליין וועלכס וועט שאפן דזשאבס און געלעגנהייטן לענגאויס דעם עמפייער סטעיט.״

דאס עפענען דעם אפליקאציע פארטעל פאר׳ן לייסענס פירט פאראויס דעם גאווערנער׳ס ערשט-אין-לאנד קאפיטאל-אינוועסטירונג איניציאטיוו, וועלכע שטעלט אין פלאץ מענטשן מיט פריערדיגע קענעביס-פארבינדענע קרימינאלע פארברעכנס צו זיין פון די ערשטע ערוואקסענע-באניץ קענעביס פארקויפער מיט פראדוקטן געמאכט וואקסן דורך ניו יארקער העמפ פאַרמערס. דער פאַרם-צום-סטאָר איניציאטיוו וועט מאכן פארקויפן אין ניו יארק מעגליך בעפאר דער ענדע 2022, און אונטערצינדן ניו יארק׳ס קענעביס אינדוסטריע, גאראנטירט שטיצע פאר צוקונפטיגע יושר'דיגקייט אפליקאנטן, און שאפט אן אנהייב אינוועסטירונג אין קאמיוניטיס מערסט באטראפן דורך די אומפראפארציאנעלע אינפארסירונג פון קענעביס פארבאט.

לויט׳ן געזעץ מוזן פראוויזארישע גע׳לייסענס׳טע קענעביס פאַרמערס מוז נאכקומען געוויסע פאדערונגען, אריינגערעכנט זיכערע, שטאנדהאפטיגע און ענווייראנמענטאל-גינציגע קולטיווירונג פירונגען; אנטיילנעמען אין א סאציעלע יושר מענטארשאפט פראגראם; און שליסן א לעיבאָר פרידן אפמאך מיט א אמת׳ע לעיבאָר ארגאניזאציע. דער פארטעל היינט געעפנט דורך דער ניו יארק סטעיט אפיס פון קענעביס פארוואלטונג ערמעגליכט פאר פאַרמער וואס זוכן אן ערוואקסענע-באניץ קענעביס פראוויזארישע לייסענס זיך צו ווענדן פאר דעם גרינגערהייט.

**קענעביס קאַנטראָל באָורד פאָרזיצער טרעמעין רייט האָט געזאָגט,** ״עס פרייידט אונז שטאַרק צו עפענען דעם פּאָרטעל און אנהויבן דעם פּראָצעס פון אַרויסגעבן אונזערע ערשטע לייסענסער פאַר דעם ערוואַקסענע-באַניץ קענעביס מאַרקפּלאַץ. די לייסענסער וועלן ניו יאָרק׳ס פאַרמער אַלס די ערשטע פּראָדוצירער אין דעם ניו יאָרק ערוואַקסענע-באַניץ מאַרקעט. זייערע פּראָדוקטן וועלן באַזאָרגן אונזערע יושר׳דיגע ענטרעפּרענעורס-באַזיצטע דיספּענסעריס דורך דעם קאַפּיטאַל-אינוועסטירונג איניציאַטיוו אַזוי ווי מיר שטרעבן צו בויען אַ זיכערע, יושר'דיגע און סטאַבילע אינדוסטריע.״

**אַדאַם פּערי, קענעביס קאַנטראָל באָורד מיטגלידער האָט געזאָגט,** ״מיר האָבן גענומען שריטן אין זיך בויען צום עפענען דעם ערוואַקסענע-באַניץ קענעביס מאַרקעט אין ניו יאָרק מיט׳ן צושטעלן היינט דעם פּאָרטעל און אונזער אַרבעט צו העלפן ניו יאָרקער פאַרמער מאַכן וואַקסן די קענעביס וואָס וועט פאַרקויפט ווערן צום ערשט דורך יוסטיץ-פאַרבינדענע ענטרעפּרענורס און דערנאָך אַנדערע לייסענס אַפּליקאַנטן. מיר האָבן אין זיך אַוועקצושטעלן אַ מוסטער פון ניו יאָרקער פירערשאַפט אין בויען אַ גוט-רעגולירטע, יושר׳דיגע און אַריייננעמיגע קענעביס אינדוסטריע.  איך שטאַלציר מיך מיט די אַרבעט וואָס אונזער טיעם טוט אויף צו ליפערן אויפ׳ן צוזאָג פון ניו יאָרק׳ס קענעביס געזעץ צו לינדערן די שאָדן פאַראורזאַכט דורך דעם קענעביס פאַרבאָט.״

**דזשעסיקע גאַרסיע, קענעביס קאַנטראָל באָורד מיטגליד, האָט געזאָגט,** ״דאָס האָבן ניו יאָרקער פאַרמער, נישט אויסער׳ן-סטעיט קערפּערשאַפטן, מאַכן וואַקסן די ערשטע ערוואַקסענע-באַניץ קענעביס און גלייכצייטיג עפענען טירן צו פאַמיליע-אויסהאַלטעוודיגע יוניאַן קענעביס קאַריערעס איז אַ גוטן ערשטן טריט צו דער יושר׳דיגער ניו יאָרקער קענעביס אינדוסטריע וואָס מיר בויען. איך קוק אַרויס צו די אַרבעט וואָס שטייט בעפאָר אונז אַזוי ווי מיר בויען שטיצע לענגאויס דעם גאַנצן אינדוסטריע צו העלפן יושר'דיגקייט ענטרעפּענורס און אונזער קלענערע ביזנעסער ערגרייכן לאַנג-טערמיניגע סוקסעס.״

**דזשען מעצגער, קענעביס קאַנטראָל באָורד מיטגליד און פריערדיגע פּאָרזיצער פון דעם אַגריקולטור קאָמיטע אינ׳ם סטעיט סענאַט, האָט געזאָגט,** ״עס פריידט אונז זייער אַנצובאַטן דער געלעגנהייט צו ניו יאָרק׳ס קענעבינאָויד העמפּ פאַרמער צו דיווערסיפיצירן אויף די ערוואַקסענע-באַניץ קענעביס מאַרקעט, צו געבן פאַר קאָנסומער צוטריט צו זון-געוואַקסענע, שטאַנדהאַפטיג קולטיווירטע פּראָדוקטן ווען די ערשטע דיספּענסעריס עפענען זייערע טירן. מיר האָבן אָן ערפאַרענע מאַנשאַפט ביי OCM צו שטיצן פאַרמער דורך דעם לייסענסינג פּראָצעס מיט יושר'דיגקייט פלאַנצער, און איך קוק אַרויס צו אַ פּראָדוקטיווע וואַקסונג סעזאָן!״

**רובען מעקדעניעל דער דריטער, ניו יאָרק סטעיט קענעביס קאַנטראָל באָורד מיטגליד און פּרעזידענט און CEO פון DASNY האָט געזאָגט,** ״צו ערגרייכן מאַקסימום עקאָנאָמישע בענעפיטן, איז ניו יאָרק׳ס קענעביס פּראָגראַם אייגנאַרטיג אויסגעשטעלט צו שאַפן פּאַראייניגונג צווישן סופּליי, אויסטיילונג און מענטשן. דאָס פאַרזיכערן אַז פאַרמער קענען באַזאָרגן פאַר אונזערע יושר'דיגקייט ענטרעפּענורס פּראָדוקטן געוואַקסן אין ניו יאָרק סטעיט אין דעם 2022 וואַקסונג סעזאָן וועלכע זיי וועלן קענען פאַרקויפן אינ׳ם ערשטן טאָג פון זייערע אָפּעראַציעס איז קריטיש-וויכטיג צו די ערפאָלג פאַר פאַרמער ווי אויך פאַר ענטרעפּענורס.  דאָס איז איינע פון עטליכע אונטערנעמונגען וועלכע מיר וועלן אַנאָנסירן אין לויף פון די פאַרשטייענדע מאָנאַטן זיכער צו מאַכן אַז מיר האָבן גענוג סופּליי פון הויכע-קוואַליטעט קענעביס אין דעם סטעיט און נאָכקומען אונזער סאָציעלע יושר אַנטיילנעמונג ציילן. מיר דאַנקען גאָווערנער האָקול פאַר די אויספּירליכע בליק וואָס זי האָט געבערענגט צו אַנטוויקלען דעם נייעם סעקטאָר.״

מיט אַ פּראָוויזאָרישע ערוואַקסענע-באַניץ קענעביס קולטיווירונג לייסענס קענען פאַרמער פלאַנצן אינדרויסן אָדער אין אַ גרינהויז אויף ביז צוויי יאָר פונ׳ם צייט פון באַקומען דעם לייסענס. עס ערמעגליכט

אויף פאר זי צו פראדוצירן און אויסטיילן קענעביס בלומען פראדוקטן אן דאס האלטן אן ערוואקסענע-באניץ פראצעסאר אדער אויסטיילונג לייסענס, ביז יוני 1, 2023. קולטיוואטאר זענען באגרעניצט צו איין עיקער (43,560 סקווער פיס) פון בלומענדע פלאנצונגען אונטער׳ן פרייע הימל אדער 25,000 סקווער פיס אין א גררינהויז און קענען ניצן ביז 20 מענטשן-געמאכטע באלייכטונג. זיי קענען אויך צוטיילן דעם געוואוקס צווישן אינדרויסנדיגע און גרינהויז מיט א מאקסימום סך הכל קענאָפּי פון 30,000 סק. פיס ווילאנג גרינהויז פלאנצונג קענאָפּי בלייבט אונטער 20,000 סק. פיס.

אויף צו קוואליפיצירן פאר אן ערוואקסענע-באניץ קענעביס פראוויזארישע קולטיוואטאר לייסענס מוז אן אפליקאנט האבן געווען אן אויטאריזירטער אינדוסטריעלער העמפ פארשונג צוזאמארבעטער פאר דעם דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, קולטיווירנדיג העמפ פאר איר אומבארוישנדע קענעביניאָויד אינהאלט פאר לכל הפחות צוויי פון די פארלאפענע פיר יאר און אין א גוטן שטאנד אום דעצעמבער 31, 2021, ווען דער פארשונג פראגראם האט זיך געענדיגט. פּאַרמערס וועלכע ווענדן זיך וועלן צאלן א נישט-ריפאָנדעבל 2,000 דאלערדיגע אפליקאציע און לייסענסינג אפצאל, און אפליקאנטן ווערן שטארק גערעטן צו לייענען די [פראגראם אנווייזונגען](#) איידער׳ן זיך ווענדן.

האלטער פון דעם לייסענס מוזן זיך באטייליגן אין א סאציעלע יושר'דיגקייט מענטארשאפט פראגראם וואו זיי שטעלן צו טרענירונג אין קענעביס האדוועון און פראצעסירן פאר סאציעלע און עקאנאמישע יושר'דיגקייט צוזאמארבעטער, זיי גרייט צו מאכן פאר פאטענציעלע ראלעס אין דער אינדוסטריע. האדוועער וועלן אויך מוזן נאכקומען פאדערונגען פאר שטאנדהאפטיגקייט צו פארזיכערן אז די קענעביס ווערט געהאדעוועט אין אן ענווייראנמענטאל-באוואוסטזיניגן אופן.

**קריס אלעקסאנדער, אפיס פון קענעביס פארוואלטונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, האט געזאגט,** ״דאס עפענען היינט דעם פארטעל איז די נעקסטע טריט אין ברענגען גאווערנער האוקול׳ס קאפיטאל-אינוועסטירונג איניציאטיוו צום לעבן אזוי ווי מיר ברעכן דעם פארעם און באהעפטן ניו יארקער פּאַרמער צו יושר'דיגקייט ענטרעפּענורס וועלכע וועלן זיין די ערשטע ערוואקסענע-באניץ קענעביס פארקויפער בעפאר׳ן ענדע פון דעם יאר. די פראדוקטן וועלן שטאנדהאפטיג געפלאנצן ווערן און מיר וועלן אויסטיילן אונזערע לייסענסער אין צוזאמארבעט מיט יושר'דיגקייט מענטארירטע אויף צו בויען א מענטארשאפט פראגראם וואס שאפט נאך א וועג אויף ווייטער פאר לייסענסשאפט. דאס איז נאך א ביישפיל פון אונזער ארבעט צו פארזיכערן צוטריט און אנטיילנעמונג אין אונזער יושר'דיגקייט ענטרעפּענורס איבער אלע לייסענס סארטן.״

גאווערנער האוקול׳ס קאפיטאל-אינוועסטירונג איניציאטיוו, געמאלדן אום מערץ 10, 2022, איז נאציאנאלע מוסטער פאר איבערבויען אן ערוואקסענע-באניץ קענעביס אינדוסטריע וואס הייבט זיך אן דורך ליפערן אויפ׳ן צוזאג צו לינדערן די שאדן אנגעמאכט אויף קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט וועלכע זענען די מערסט באטראפן געווארן דורך די אומפראפארציאנעלע אינפארסירונג פון קענעביס פארבאט. דורך דער קאפיטאל-אינוועסטירונג איניציאטיוו וועלן ניו יארקער פּאַרמער לאזן וואקסן די ערשטע קענעביס באניץ פאר ערוואקסענע, און יוסטיץ-פארמישטע ערפאלגרייכע ביזנעס אייגנטימער וועלן זיין די ערשטע פארקויפער מיט שטיצע פון גאווערנער האוקול׳ס פארגעשלאגענע 200 מיליאן דאלערדיגע ניו יארק סאציעלע יושר קענעביס אינוועסטירונג פראגראם, פינאנצירט דורך לייסענסינג אפצאל און פריוואטע קאפיטאל. דער פראגראם, וואס ווערט איצט דורכגערעדט מיט דעם לעגיסלאטור, וועט ניצן אינדוסטריע לייסענסינג אפצאל און פריוואטע קאפיטאל צו באזארגן די פינאנצירונג פאר יושר'דיגקייט ענטרעפּענורס ביים סאמע פארנט פון דעם ערוואקסענעם-באניץ מארקעט. ספעציפיש, די יוסטיץ-פארבינדענע, ערפאלגרייכע ביזנעס אייגנטימער וועלן געשטיצט ווערן מיט רענאווירטע אדער רענאוואציע-גרייטע ריטעיל געשעפטן און ארומנעמיגע סערוויסעס מיט דיספענסעריס פלאצירט אין הויכע טראפיק ערטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן